**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/24/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקאל אנאנסירט פארענדיגטן ווידערשטאנד-פעאיגקייט פראיעקט אין דעם טאַון יעיטס, ארליענס קאונטי**

***2.5 מיליאן דאלערדיגע פארק פארבעסערונג פראיעקט וועט לינדערן צוקונפטיגע פלייצונג; אָפגערידס צו פאפולערן פארוויילונגס ארט וועלן זיין א טובה פאר איינוואוינער און באזוכער צום ראיאן***

***פראיעקט גרענט געשאנקען געווארן דורכ'ן סטעיט'ס ווידערשטאנד-פעאיגקייט און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו***

***בילדער פון פארענדיגטע פראיעקטן זענען גרייט צו באקומען [דא]***

גאווערנאר קעטי האוקאל האט היינט אנאנסירט אז קאנצטרוקציע איז פארטיג אויף א 2.5 מיליאן דאלארדיגע ווידערשטאנד-פעאיגקייט פראיעקט געשאנקען פאר'ן טאַון יעיטס, ארליענס קאונטי, אלס טייל פון ניו יארק סטעיט'ס ווידערשטאנד-פעאיגקייט און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו. דער יעיטס טאַון פארק דינט אלס דעם טאון'ן איינציגסטע פובליק פארוויילונגס ארט מיט דירעקטע צוטריט צו לעיק אנטעריאו, מיט מער ווי איין עיקער אפענע-לופט ערטער פאר פארוויילונג, ארייגערעכנט א פאוויליאן און א פיקניק ארט, און דער נייער פראיעקט וועט זיין אינסטרומענטאל אין העלפן פארמיידן צוקונפטיגע פלייצונג שאדן צום פארק און אפהיטן דער ארטיגער עקאנאמיע.

״פילע פון ניו יארק׳ס קאמיוניטיס זעצן פאר ווייטער צו זיין ריזיקירט איבער די ווירקונגען פון קלימאט ענדערונג און אזעלכע פראיעקטן באשיצן בעסער אונזערע ברעגע קאמיוניטיס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דער טאון אָוו יעיטס פארק פארברייטערונג פראיעקט וועט העכערן פלייצונג באשיצונג מאסנאמען און פארשטערקערן ברעג-ליניע ווידערשטאנד-פעאיגקייט צו העלפן באשיצן ביזנעסער און איינוואוינער, פארשטערקערן פובליק זיכערהייט, און טרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג.״

דער פארק איז א פאפולערע דעסטינאציע פאר סיי איינוואוינער און סיי באזוכער און דורכאויס די היסטארישע פארפלייצונג פון 2019, האט דער פארק מיטגעמאכט א גרעסערע מאס אפשווענקונג לענגאויס דער ברעגע. דער פארוויילונגס ארט איז פארפלייצט געווארן מיט וואסער צוליב נישט גוטע אפלויף אומשטענדן, שאפנדיג א סכנה פאר פארק-גייער און באגרעניצנדיג דאס באניץ פון דעם פארק. דער ווידערשטאנד-פעאיגקייט פראיעקט פארענדיגט דורכ'ן REDI פראגראם וועט סטאביליזירן דער ברעגע, לינדערן צוקונפטיגע פארפלייצונגען און פארזיכערן ווייטערדיגע צוטריט צום יעיטס טאון פארק דורכאויס צייטן פון הויכע וואסערן. ווידערשטאנד-פעאיגקייט מאסנאמען און פּארק פארבעסערונגען אין דעם פראיעקט רעכענען אריין:

- אָפּגרעידס צום פארק'ס אפלויף און שטורעם וואסער פארוואלטונג סיסטעמען צו לייזן די ערנסטע אפלויף און זומפן שווערינקייטן;
- סטאביליזירונג פון די ברעגע ביי די פלאץ פון וואו שיפלעך פארן ארויס;
- אינסטאלירן א דעק פאר קליינע שיפלעך;
- קאנסטרוקציע פון א פישעריי/וואסער צוטריט בריקל וואס קומט נאך ADA סטאנדארטן;
- אינסטאלירן נייע שפיל פארק עקוויפּמענט, א טרעיל צו שפאצירן, א נייע אפענע געבוי און א בית הכסא;
- פארברייטערן דעם פארק'ס פארקינג לאט; און
- פארבעסערונגען צו די גראז און גרינע שטחים.

**ניו יארק סטעיט סעקרעטאר פון סטעיט ראבערט ראדריגעז האט געזאגט,** ״דאס מאכן אונזערע וואסער-וועגן צוטריטליך צו איינוואוינער און טוריסטן איז העכסט-נייטיג צו סיי וועלכע ארטיגע עקאנאמיע. אדאנק דעם REDI פראגראם, וועלן די פארבעסערונגען און אָפּגרעידס צום יעיטס טאון פארק זיכער מאכן אז דער שאָרליין איז באשיצט פון צוקונפטיגע פלייצונג און אויך דינען אלס א בעסערע פארוויילונגס עקספיריענס פאר אירע אלע באזוכער אויף קומענדיגע דורות.״

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער און REDI קאמיסיע מיט-פארזיצער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״מיט גאווערנער האוקול׳ס שטיצע, טוען ניו יארק׳ס REDI אינוועסטירונגען מיט הצלחה זיך פארשטעלן פונדאסניי און איבערבויען פלייצונג-געשעדיגטע אינפראסטרוקטור, העלפנדיג דורכדעם צו שטיצן טוריזם און אנטוויקלען נייע עקאנאמישע געלעגנהייטן אין לעיק אנטעריאו ברעגע קאמיוניטיס. דער פארבעסערטער יעיטס פארק וועט צושטעלן יארן הנאה פאר איינוואוינער, און גלייכצייטיג אויך צוציען נייע באזוכער צום ראיאן.״

**סטעיט פארקס קאמיסיאנער עריק קולעסייד האט געזאגט,** ״דאס איז גאר גוטע נייעס פאר׳ן יעיטס קאמיוניטי. איך גראטולירט די סטעיט און ארטיגע צוזאמארבעטער פאר׳ן ארבעטן צו מאכן יעיטס טאון פארק מער אפגעהיטן, מער ווידערשטאנד-פעאיג, און מער צוטריטליך פאר דער קאמיוניטי.״

**עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו מיט-פארזיצער און ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״פלאץ-מאכן איז א וויכטיגע זייל פון ניו יארק׳ס עקאנאמישע אנטוויקלונג סטראטעגיע. מאכן יעיטס טאון פארק מער ווידערשטאנד-פעאיג טוט נישט נאר פארבעסערן דעם פראכטפולן פובליק ארט פאר איינוואוינער און באזוכער צוצוקומען צו לעיק אנטעריאו, נאר אויך פארזיכערן דער ראיאן׳ס וואסער-ברעג טוט ווייטערביישטייערן צו דער ארטיגער עקאנאמיע.״

**סטעיט סענאטאר ראבערט ארטט האט געזאגט,** ״אזוי ווי מיר פרייען זיך לכבוד דעם צוויי-הונדערטיעריגע פייערונג פון דעם טאון אָוו יעיטס, פרייען מיר זיך אויך מיט׳ן פארענדיגן און עפענען א וואונדערליכע נייע גרין-נאטור ארט פאר די פאמיליעס אין אונזער קאמיוניטי. נישט נאר וועט דער יעיטס טאון פארק דינען אלס גאר א גוטן ארט פאר איינוואוינער זיך צו זאמלען און פארברענגען צייט אינאיינעם, נאר עס וועט אויך צושטעלן באשיצונג קעגן לעיק אנטעריאו פלייצונג אדאנק די שאָרליין סטאביליזאציע איינגעגלידערט אין דעם REDI פראיעקט. דאס פארענדיגן דעם פראיעקט איז א גוטעביישפיל פון וויאזוי די REDI קאמיסיע קען איינפירן שאָרליין סטאביליזאציע און גלייכצייטיג עס קאמבינירן מיט א גרויסע קאמיוניטי-באניץ פראיעקט.״

**אסעמבלימאן סטיוו האולי האט געזאגט,** ״די אָפּגרעידס צום יעיטס טאון פארק וועלן העלפן עס זאל זיין א מער צוטריטליכע, זיכערע און הנאה׳דיגע פאמיליע דעסטינאציע ווי סיי ווען פריער. עס פרייט מיך אז די

פראיעקטן וועלן באלד זיין פארטיג פאר מענטשן נאענט און ווייט אויף צו געניסן, און איך האף אז זיי וועלן מוטיגן ארטיגע איינוואוינער צו פארברענגען ביים פארק מיט זייערע נאענטע אין די קומענדע טעג.״

**ארליענס קאונטי לעגיסלאטור פארזיצער לין דזשאנסאן האט געזאגט,** ״אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער אפצוענדיגן REDI פראיעקטן אין ארליענס קאונטי, וויל איך דאנקען דעם גאווערנער און דער REDI קאמיסיע פאר זייער אנגייענדע שטיצע אין דער צייט וואס מיר מאכן מער שטאנדהאפטיג אונזער לעיק-פארנט אינפראסטרוקטור אויף עס צו מאכן מער ווידערשטאנד-פעאיג צו צוקונפטיגע לעיק אנטעריאו הויכע וואסער אינצידענטן. דער פראיעקט האט נישט בלויז פארבעסערט אונזער ווידערשטאנד-פעאיגקייט צו הויכע וואסער אינצידענטן נאר אויך פארבעסערט די לעבנס-קוואליטעט פון מיטגלידער אין אונזער קאמיוניטי דורך צושטעלן פארלעסליכע און ניצבארע פארוויילונגס אינפראסטרוקטור פאר יעדן צו געניסן.״

**טאון אוו יעיטס סופערווייזער דזשעימס סיימאן האט געזאגט,** ״וואספארא בעסערע אופן איז פאראן אפצורעכטן דעם 200׳סטן יארטאג פון דער גרינדונג פון טאון אָוו ווי א באנייאונגס-צערעמאניע ביי אונזער הערליך-רענאווירטן טאון פארק אויף לעיק אנטעריאו? מיר זענען דאנקבאר פאר די צוזאמארבעט און שטיצע פון גאווערנער קעטי האוקול און דער REDI קאמיסיע אזוי ווי מיר האבן נאוויגירט דעם פראיעקט פון אויסשטעל פלאן ביז׳ן פארענדיגן.״

אין אפרוף צו די ברייטערע פארפלייצונגען לעצטנס לענגאויס די ברעגעס פון לעיק אנטעריאו און דער סט. לאורענס טייך האט ניו יארק סטעיט געשאפן REDI צו העכערן די פעסטקייט פון שאָרליין קאמיוניטיס און אונטערהייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין דעם ראיאן. פינף REDI ראיאנישע פלאנירונג קאמיטעס, וועלכע באשטייען פון פארשטייער פון אכט קאונטיס (ניאגארא און ארליענס, מאנראו, וועין, קאיוגע און אסוועגא, און דזשעפערסאן און סט. לאורענס), זענען אוועקגעשטעלט געווארן צו אידענטיפיצירן ארטיגע פריאריטעטן, ריזיקירטע אינפראסטרוקטור און אנדערע פארמעגנס, און פובליק סעיפטי זארגן. דורך REDI האט דער סטעיט פארשפראכן ביז 300 מיליאן דאלער פאר׳ן טובה פון קאמיוניטיס און פארבעסערן ווידערשטאנד-פעאיגקייט אין פלייצונג אויסגעשטעלטע ראיאנען לענגאויס לעיק אנטעריאו און דעם סט. לאורענס טייך.

זינט דאס שאפן דעם סטעיט׳ס REDI פראגראם אין פרילינג 2019, זענען שוין 134 REDI-פינאנצירטע ארטיגע און ראיאנישע פראיעקטן אונטערוועגנס, אריינגערעכנט 52 פראיעקטן אין דער פלאנירונגס פאזע, 40 פראיעקטן אין דער קאנסטרוקציע פאזע און 42 פארענדיגטע פראיעקטן.
פאר מער אינפארמאציע, פראפילן פון די פראיעקטן און פאר REDI נייעס, דרוקט [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418